# זישא לאנדוי לידער

19 כאָטש א רגע פֿארן טויט

30 (דערנער) 3

41 עפּילאָג

60 דינסטיק

62 עס זיינען מיינע לידער

69 !

105 די ברייטע העל-פֿארגראזטע געגנט

113 פֿאר אונזער חרוב אידיש לעבן...

115 א געבעט

122 אויב קריג איז קריג

131 צו א דאמע אין אַ גרויסן הוט

138 איז דער הייליקער בעל שם טוב...

147 א הימן

149 מיט װיפֿיל טרויער...

153 אין יולי מאָרגן

155 די סטריקאָװער רביצן

156 ביים געזעגענען זיך מיט די באשיידענע
„ה״ען און שטומע „ע״ס

196 מארקיזין באטאװים

215 איך בין דער מאן פֿון ליד

## פֿאַל אויף מיין האַרצן . . .

פֿאַל אויף מיין האַרצן, רעגן,
וואַש מיך אָפּ פון זינד,
פֿאַר די קליינע קינדערסוועגן
שיקט דער ליבער גאָט דעם רעגן,
איך בין אויך א קינד.

אוי, ווי מיך די שאָטנס שרעקן
ביז אין טיפסטן שלאָף!
און שטיל, מורמלענדיק, מיך וועקן
לאַנג שוין דרימלענדיקע שרעקן,
אַלטע זינד און שטראָף.



## כאָטש אַ רגע פאַרן טויט

כאָטש אַ רגע פאַרן טויט,
כאָטש ביים שוואַרצן קבר׳ס שוועל
איבער אונז דיין ליכט צעשפּרייט,
די נשמות מאַך אונז העל.

אוי, די זוים כאָטש פון דיין קלייד,
ווי דעם ברעג די לייכטע וועל,
לאָז אונז קושן פאַרן טויט,
כאָטש ביים שוואַרצן קבר׳ס שוועל.

— פֿאַרגלײַכלעך מיט װאָס איז ב דײַן זײַן ני(ט)
פֿאַרגלײַכן אין מיר דאָס בעסטע מעסטן
— אימפּרעסיע

3

אין דער פינצטער זיינען דיינע אויגן שענער,
און עס וויינט פון דיר אַזויפיל פרייד און רו.
אין דער פינצטער איז דיין קליינער פוס נאָך קלענער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו!

אין דער פינצטער קלינגט דיין ווייכע שטימע ווייכער,
דרינגט אין הארץ אריין און זאָגט אַזויפיל צו.
דיינע בלייכע פינגער ווערן לענגער, בלייכער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו!



4

זיינען מיר אַלע געבוירן אַן ווילן,
זיינען מיר אלע אוממעכטיק און קליין —
לאָמיר ווי קינדער, ווי קליינע זיך שפּילן,
ווען אונזער זון וועט אין הימל פאַרגיין. —

פייגעלעך פליען אַרום אין דער לופטן,
שאָטנדלעך שפּרינגען אַרום אויף די ווענט,
ווי וועלקענדע בלומען, ווי בליענדע דופטן,
צאַרט זיינען, ווייך זיינען מיידעלשע הענט . . .

## ווינטער־פּאַרנאַכטן

ווינטער־פּאַרנאַכטן, פּאַראומערטע, קאַלטע.
ציטעריק, ציטעריק קוקן די שויבן.
ס׳וואַכן אויף בילדער פון צייטן פון אַלטע,
ס׳פלאַטערן אום אין דער פינצטערניש טויבן.

הויבסט־אָן אָן אויפהער אין צימער צו שפּאַנען,
אייגענע טריט נעמען טונקל דיך שרעקן,
ס׳זיינען — דערציילט מען — וואו לענדער פאַראַנען
דאָרטן פרימאָרגנס איצט אַלעמען וועקן.



## עפּילאָג

ווייל ס׳האָט אַזוי געמיין פאַרשוויגן מיך די פּרעסע,
און וואָס איך עס אויף מיטאָג שרייבט זי קיינמאָל ניט —
דערפאַר קען איך ביז איצט ניט קריגן קיין מעטרעסע
און נידעריקער פאַלן נעמט אַלץ מיין קרעדיט.

און וואָס אַ טאָג נעם איך אין חובות טיפער זינקען,
אומזיסט נאָך מעצענאַטן שפּרייט איך אויס די הענט ; —
אַ גליק, וואָס כ׳קען „מאַרטעל׳ס" דערלויבן זיך צו טרינקען,
און שוואַרצע קאַווע קאָסט איינגאַנצן פינעף סענט.

וואָלט קאַווע טייער זיין — וואָלט איך זיך אויפגעהאנגען,
און דיכטער גלייך צו מיר איז גאָרנישטאָ קיין סך !
דאָך ווי דער פּרייז שטייט איצט — מיט הערלעכע געזאַנגען
קאָן איך מיר גליקלעך מאַכן אונזער פאָלק און שפּראַך.

## 3

## דינסטיק

צוויי הייסע גלעזער טיי מיט מילך האָב איך מיר אויסגעטרונקען,
אַ דריי־פיר צוויבאַק אויפגעגעסן;
דערנאָך בין איך אַ לאַנגע צייט ביים טיש געזעסן,
געדרויכערט און געקוקט מיר אויף אַ נאָגל אין דער וואַנט,
פיר לידער איבערזעצט פון דייטש,
אַ מידער אויף דער סאָפע זיך אַוועקגעלייגט,
אַרום דעם קאָפּ די הענט פאַרלייגט
און דריי מאָל צו דעם באַלקן אויסגעשפּיגן.
מיר איז געוואָרן שווער,
פאַרוואָס דער זומער איז פאַרגאַנגען.
איך וואָלט דאָך איצט שפּאַצירן מיר אין פּאַרק געגאַנגען,
צי גאָר אין שטוב געכאַפּט מיר פליגן.
און נאָך אַמאָל האָב איך צום באַלקן דריי מאָל אויסגעשפּיגן,
און אַלע דריי מאָל ניט געטראָפן,
דערנאָך בין איך מיר איינגעשלאָפן.



## 4

## אין דער יוגנט זיינען מיידלעך

אין דער יוגנט זיינען מיידלעך
פון די אינגלעך שענער, ליבער;
נאָר די מיידלעך ווערן מיאוסער
ווען די יוגנט גייט אַריבער.

ס'איז דער מאַן פון ערד באַשאַפן,
טראָגט איר קראַפט אין זיך פאַרהוילן.
פון אַ ריפּ איז ס'ווייב באַשאַפן —
פלייש און ביינער מוזן פוילן.

און מיט שמירעכצן אַזוינע
מוזן זיך די ווייבער שמירן,
אַז מען זאָל דעם שלעכטן ריח,
וואָס עס גייט פון זיי ניט שפּירן.

1. נאַטור – אײנזאַם

2. תּאווה – ספּאָנטאַן, אומשולד

אויגן — שלאַנגען

פּנים — קינדיש — רואיק

5.

## עס זיינען מיינע לידער

ריין ווי טויבן, קלוג ווי שלאַנגען,
ווי די פעלזן רואיק, קאַלט,
ציטעריק ווי ווידערקלאַנגען,
רוישיק ווי א יונגער וואלד.
פון אַ גאַסן־פרוי די אויגן,
ס׳פרייע שפילן פון א קינד, —
און דער קלאָרסטער רעגנבויגן,
און דער לייכטסטער אַוונט־ווינט.



## ביז...

ביז ס׳וועט קומען אונזער שעה,
איז אזויפיל פרייד נאָך דאָ.

וואו די אויגן נאָר געווענדט,
ווערסט פון וואונדער באַלד פאַרבלענדט.

קינדער, וואָס קוים קענען שטיין,
הויבן פלוצים אָן צו גיין.

טאָג איז, העל איז, זונענשיין,
און אָט הילט די נאַכט זיי איין;

צווישן דיינע שוואַרצע האָר,
זע, עס וואַקסט אַ גרויע גאָר.

און אַזוי פון טראָט אויף טראָט,
וואונדער, וואונדער פון זיין גנאָד.

## 2

## אויגוסט 28, 1915

נעכטן, שבת אָונט, אויגוסט אַכט און צוואַנציק,
ניינצן הונדערט פופצן, ווען איך בין
געזעסן און פאַריכט די קאָרעקטורן מיינע,
איז פלוצים טרויעריק געוואָרן מיר.
כ׳האָב אויפן טיש דערזען אַ בריוו פון א באַקאַנטן,
פון אַכטן יולי, וואו ער שרייבט צו מיר
פון זומער־וואוינונג זיינעם, מידלטאָן, ניו יאָרק:
„איך דאַנק דיר פאר די ווערטער דיינע, וואָס
האָסט צוגעשיקט, שרייב אָפטער מיר, דיין יעדער בריוו
וואָס קומט נאָר אָן דערפרייט מיך,
כאָטש דו שרייבסט שלעכט אַזוי און קאַלט.“

אַ פּאָר מאָל האָב איך אלץ די ווערטער דורכגעלעזן:
„כאָטש דו שרייבסט שלעכט אַזוי און קאַלט“,
און ס׳איז אומהיימלעך מיר געוואָרן.
און מיך, וואָס קיינמאָל אַרט ניט, וואָס מען זאָל ניט זאָגן
פון מיינע לידער צי גאָר וועגן מיר,
פאַרוואָס בין איך אזוי עמפּינדלעך
צו אַלץ וואָס מען זאָל ניט זאָגן פון מיינע בריוו?



## 3

## !...

אָ, נעכט באַווינטיקטע! אָ, טעג באַזונענע!
אָ, קליינע קינדערלעך אין ווייס געקליידטע!
באַבוימטע וועגן ערגעץ ווייט אַנטרונענע!
פאַרבלויטע הימלען אזוי לייכט צעשפּרייטע!
בריוו אַלטע אומגעריכטערהייט געפונענע!
רעמיניסצענטן! צייטן לאנג פארגעסענע!
אָ, ווערטער, איינגעשפּינוועבטע, צעפּרעסענע!

## אַ גרויסע פור מיט האָלץ האָב איך . . .

אַ גרויסע פור מיט האָלץ האָב איך
געקויפט מיר און צעזעגט,
צעהאַקט עס אויך, אַוועקגעלייגט
און גוט עס צוגעדעקט.

עס צוגעדעקט אזוי, עס זאָל
קיין רעגן ניט אַריין;
פון נאַסן האָלץ וועט קיינמאָל ניט
קיין גוטער פייער זיין.

נאָר קוילן דאַרף מען קריגן אויך,
ווייל האָלץ מאַכט אויס צו טייער.
דאַרפסט שייטלעך לייגן איינס נאָך איינס,
ווען ווילסט א גוטן פייער.

ערשט איז עס גוט אויף קאָכן נאָר
און ס׳קען דיר ניט געראָטן,
ווען ווילסט אַן קוילן באַקן וואָס,
צי גאָר אַן ענטל בראָטן.



## די ברייטע העל־פאַרגראָזטע געגנט . . .

די ברייטע העל־פאַרגראָזטע געגנט
האָט אויפגעשמעקט אין שטוב ביי מיר,
איך גיי ארויס פון צימער מיינעם
און זעץ אַוועק זיך נעבן טיר.

די ענטלעך גייען אינם פעלד אום
און טונקען זיך אין וואַסער איין;
איך הויב דעם קאָפּ אויף צו דעם הימל
צו זען צי ס׳וועט א רעגן זיין.

ס׳וועט זיין, ס׳וועט זיין!... די לופט ווערט פרישער.
די לופט ווערט קיל, די לופט ווערט טיף.
פּאַמעלעך לאָז איך צו דער פּאָסט זיך,
צו זען צי ס׳איז פאַראַנען בריף.

## 3

## וועך פירט די אַלע שיפן . . .

צו אַלדרד'ס אנדענק

וועך פירט די אלע שיפן,
וואָס גייען אינם ים ? —
גאָט פירט די אַלע שיפן,
וואָס גייען אינם ים.

וועך שיקט די לינדע ווינטן,
וואָס ווייען אָוונט־צייט ? —
גאָט שיקט די לינדע ווינטן,
וואָס ווייען אָוונט־צייט.

וועך שפּילט זיך מיט די קינדער,
און טייל נעמט־צו צו זיך ? —
גאָט שפּילט זיך מיט די קינדער
און טייל נעמט ער צו זיך.

און ווען מען הערט מען זינגען
אַרום אונז אַלע מאָל ? —
די קליינע קינדער זינגען
אין הימל אלע מאָל.



## 4

## פאר אונזער חרוב אידיש לעבן . . .

פאַר אונזער חרוב אידיש לעבן
פאַל איך און בעט פאַר דיין גענאָד !
איך וויין אויף אונזער מאמע־ווילנע,
אויף קאַלאָמעא און אויף בראָד,

אויף וואַרשע, קאָוונע, קאַליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואָס ס'איז דער שונא שוין באַפאַלן,
וואָס שפּעטער נאָך באַפאַלן וועט.

אויף יעדן אידיש שמוציק געסל,
אויף יעדער קראָם וויין איך און קלאָג.
אויף יעדער שענק, לאָמבארד און קרעטשמע,
אויף אונזער פאַלשער מאָס און וואָג ;

אויף יעדן אידיש פריילעך הייזל,
וואָס אין אַ גויאיש שטעטל שטייט —
אויף אַלץ וואָס איז געווען אונזערס
און מיטן רויך אצינד פאַרגייט.

ס'איז ריין און העל אַלץ, וואָס ס'איז אידיש !
דאָס אָר'מע לעבן בוי צוריק !
און די פאַראומערטע נשמות
מיט אַ ניטדאָאיק וואָרט פאַרוויג.

## די רויטע פאָן

רייזלען

אײדער ס׳שפּראָצט אַרויס דער קאָרן,
ליגט דער זאמען אין דער ערד ;
אונזער פאָן פון פרייד און צאָרן,
ציטעריק געשפּונען ווערט.

צוגעשלאָסן טיר און טויער
און דעם לאָדן פעסט פאַרמאַכט,
אין אַ צויבער־שרעק און טרויער
שפּינען מיר די פאָן פון מאַכט.

האָבן מיר ניט אויסגעוועבט זי ?
און געפאַרבט זי האָבן מיר !
דאָך אונז אלעמען באלעבט זי,
מאַכט אונז קניען שטיל פאר איר !



## אַ געבעט

עס בעטן מוטער, ווייב און קינד,
עס שרייען זייערע טרערן,
דאָך ניט פאַרנעם עס, גאָט, אַצינד,
דו זאָלסט עס ניט דערהערן.

גאָר אויף דאָס ניי דיין גנאָד באווייז
דער קעניגן פון ימען,
דער שונא זאָל מיט זיינע מייז
דעם וועג איר ניט פארצאמען.

און מאַך דאָס האַרץ אונז קאָלט און טויב,
ווי שטיין, ווי שטאָל, ווי אייזן ;
באַהאַלט די ווייסע פרילינגס־טויב,
זאָלסט זי אונז איצט ניט ווייזן.

פון אַלע טויבן ווייסער איז —
ווען ס׳נעמט בריטאַניען זיגן ! ENGLAND
ווען ס׳וועט באפרייט צו אירע פיס
ירושלים ליגן.

וואַך אויף, וואַך אויף, דו אַלטע ערד,
דו ביסט נאָך ניט פאַרלוירן !
דו ווערסט דורך בלוט, ווערסט דורך דער שווערד
אַצינד אויף ס׳ניי געבוירן !

מיליאָנען קעלן שרייען הויך,
מיליאָנען הערצער בעטן :
באַווייז זיך אין האַרמאַטן רויך,
אין קלאַנג פון באַיאָנעטן !

## אויב קריג איז קריג

אויב קריג איז קריג, פאַרוואָס קלינגט ווי אַ תפילה,
פאַרוואָס איז ווי דער מוטערס ווערטער טייער
די בשורה, ווען עס זיגן ענגלאַנדס וואָפן,
די בשורה, וואָס באַגלייט פון בלוט איז און פון פייער?

אויב בלוט איז בלוט, ווי קענען מיר נאָך לעבן,
ווען ס׳טרינקט די וועלט אין בלוט זיך און אין טרערן?
פאַרוואָס אויף דייטשן באָדן אַליאירטע וואָפן
ווילסט ליבערשט ווי משיח׳ס שופר הערן?

אויב אַלץ איז איינס, פאַרוואָס ווערט ס׳האַרץ פאַרציטערט
בלויז ביים געדאַנק, אַז ס׳זיגן דייטשע וואָפן?
אויב אַלץ איז איינס, דאָך ווילסטו ניט דערלעבן
די שעה, ווען דייטשלאַנד וועט די וועלט פאַרשקלאָפן!

יאָ, קריג איז קריג און בלוט איז בלוט מסתמא,
דאָך זיינען אַלע אמת׳ן אַ ליגן
אין אָנגעזיכט פון זיג, וואָס וועט באַלד קומען,
ווען דייטשלאַנד וועט פאַר אונז צעשמעטערט ליגן!



## און דיסקוטירנדיק ביים טיש...

און דיסקוטירנדיק אין דער קאַפע ביים טיש
די ראָלע, וואָס עס שפּילן אינם קריג די עראָפּלאַנען,
די טענקס, די סאָבמאַרינען און די לאַגע פונעם טערק,
און ס׳אַראַ ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען,
האָב איך אין היץ פון דער דיסקוסיע דערפילט
ווי ס׳קוקן מילד און ווייך אויף מיר די אויגן דיינע.
כ׳האָב אומגעדרייט צו דיר מיין קאָפּ און כ׳האָב דערזען
אין זיי אַ גלאַנץ, וואָס איך וועל ניט פאַרגעסן!
און קלאָר געוואָרן איז מיר מיט אַמאָל,
אַז ס׳פליען הויך די עראָפּלאַנען,
אַז ס׳שווימען טיף די סאָבמאַרינען,
אַז ס׳זיינען ווירקזאַם טענקס, ווי אַלץ וואָס ענגלאַנד טוט,
אַז סוף־כל־סוף וועט עפּעס ווערן מיטן טערק,
אַז ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען, —
נאָר וואָס וועט זיין מיט מיר,
מיט מיר און דיר —
מיט אונז?

אַ ווינקל פון דיין מויל אָן אויפהער האָט געצוקט,
האָסטו געפילט דאָס זעלביקע וואָס איך?

## ד י י נ ע   פ י ס

דיינע פיס,
דיינע פיינע, קליינע פיס,
ווייכע, בלייכע, צאַרטע הענט,
פינגער לאַנגע, באַנגע, דינע,
אויגן — רויטלעך־גרינע,
בלאַסע — האַלב־פאַרוועלקטע ליפּן,
מאַטע, גלאַטע האָר.
און דיין האַלז, וואָס בויגט זיך שטענדיק אין אַ זייט —
וואונדערבאַרע —
פרייד ווייט פון דיר —
וואונדערבאַרע — — —



## צו אַ דאַמע אין אַ גרויסן הוט

פון גרויסן הוט פאַלט אויף דיין שטערן
און אויף אַ העלפט פון דיין געזיכט
אַ טיפער שאָטן. שאַרפער קוקן
די קנייטשן פון אַרום דיין מויל.
דו ביסט נאָך יונג, אינגאַנצן איבער דרייסיק,
דאָך איז דיין יוגנט ווייט שוין הינטער דיר,
און דיינע שוואַרץ־פאַרגרויטע האָר פאַרואיקן
נאָך מער דיין רואיקן און לענגלעכן געזיכט.
אָן רייץ שוין זיינען דיינע ברוינע אויגן,
דיין הויכער, ווייסער האַלז און דיינע פיינע פיס.
שוין קלינגט דיין שטימע קאַלט אַזוי און טרוי'ריק, —
נאָר מיין נשמה ציטערט, ציטערט, ציטערט,
זי ציטערט, ציטערט אַלץ נאָך דיר.

פון פישען לאנגען
באלאדע

## איז דער הייליקער בעל שם טוב...

איז דער הייליקער בעל שם טוב אין פעלד אומגעגאַנגען,
באַגינען אין פעלד אינם קאַלטן געגאַנגען.
עס האָבן פון צפון געבלאָזן די ווינטן,
קאַלט און פראַסטיק האָבן געבלאָזן די ווינטן,
אַז ס'האָבן גענומען אים פרירן די גלידער,
און ס'האָט מיט פארפראָרענע גלידער
דער הייליקער בעל שם טוב געעפנט די לעפצן
און האָט אויפן קול זיך צעזונגען.
אַזוי האָבן זיינע געעפנטע לעפצן
געזונגען, געזונגען, געזונגען:
„אַז וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
„דיין ווינט זאָל אמאָל אים באַרירן,
„אַז וואויל איז צו מיר, וואָס כ'האָב זוכה געווען
„פון קעלטן פון דיינע צו פרירן;
„אַז וואויל איז צו מיר און אַז וואויל איז און וואויל
„אַז וואויל איז און וואויל איז און וואויל".

און דורשטיק די פראַסטיקע לופט אלץ געטרונקען
און ווידער אין טיפע מחשבות פארזונקען.



און ביסלעכווייז איז אינם הימל אַרויס
אַ זון אַזוי פלאמיק און גרויס,
אַז ווי אין גיהנום געוואָרן איז הייס,
פון פנים געראָנען האָט טראָפּנווייז שווייס
און ס'האָט אינם ברענענדן פעלד
קיין ווינטל צומאָל ניט געוויט.
נאָר פלוצים זיך האָט דורכן ברענענדן פעלד
דאָס קול פון בעל שם טוב צעשפרייט;
דאָס האָט דער בעל שם טוב געזונגען,
אַ לויב צום באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן,
„פאַר טאָג און פאַר נאַכט, דיר א לויב!
„פאַר אַלץ, וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן,
„אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב!
„און וואויל איז צו מיר, וואָס איך ווער איצט פאַרברענט,
„פון פייערן דיינע פאַרברענט.
„און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט
„צו פאַלן פון דורשטיקייט איצט אויף דיין ערד,
„ווי וואויל איז צו מיר און ווי וואויל איז און וואויל
„און וואויל איז און וואויל איז און וואויל."

## מלכה שבת

קומט צו גיין די מלכה שבת
בונט ווי אַ רעגנבויגן ;
די אַראָפּגעלאָזטע אויגן
פול מיט תאווה גליען, ברענען, —
קענסט אין טומטומס אויג דערקענען,
אַז ס׳איז דאָ די מלכה שבת.

ווען עס קומט די מלכה שבת,
פינקלען אויף די אויגן ווידער,
וואַכיק ווערן דיינע גלידער,
און אין אַלע, אַלע עקן
הויבט מיט ווייבער־פלייש אָן שמעקן,
ווען עס קומט די מלכה שבת.

ס׳אַראַ רחבות, מלכה שבת,
ברענגסט מיט זיך אין אַלע זייטן ;
יעדעס האַרץ וויל זיך צעשפּרייטן,
וויל זיך מערן און פאַרמערן,
און אין רויך פון די באַגערן,
ווערסט פאַרברענט דו, מלכה שבת !



## אַ הימן

virtue
gracious

לבנה — דו פאַרקערפּערונג פון טוגנט,
ווי גנעדיק שפּאַנסטו אין דיין שטערן־קרייז.
דו קוקסט אַראָפּ, ווי אויף דער ליבער יוגנט
קוקט שמייכלענדיקערהייט דער קלוגער גרייז.

אַ דאַמע, וואָס פאַראַרימט איז געוואָרן,
דאָך אין איר יעדן ריר איז ווירדע דאָ !
אויך איך בין אין דער אַלטער וועלט געבאָרן,
און אירער בין איך ביז דער לעצטער שעה !

אָ, וועלט פון מאָרד, פון אומגליק און פון פּיינען,
עס איז דיין קבר שוין פאַר מיר געגרייט. —
דאָך קומט מיין שעה, זאָלסטו פאַר מיר דערשיינען,
באַווייז זיך כלה, חלום אין מיין פרייד !

דערווייל איז גוט מיר דאָ אויף דער וועראַנדע
אַרום די בערג — ווי זיילן טויטע רו,
און גוט איז מיר, וואָס איך בין זישא לאַנדוי,
און גוט איז אַלעס, וואָס איך טראַכט און טו !

## ענדע יולי, קוני איילענד

אַ, קילע טעג אין ברענענדיקן יולי!
ס'איז אומדערטרעגלעך הייס און מיט אַמאָל
דאָס וועטער בייט זיך, און אַ קילקייט
נעמט דורך די לופט און דיינע גלידער.
די ליבע פרויען טוען אָן זיך וואַרימערע קליידער
און מילדער ווערן זייערע אויגן,
און מיט אַזויפיל ליבע קוקן זיי אויף דיר
אַז אַלץ דאָס גוטסקייט, וואָס עס ליגט אין דיר,
פון דיר און אַלעמען פאַרבאָרגן,
גייט פון באַהעלטעניש אַרויס, און יעדער
וואָס האָט דיך ביז אַהער געקענט, דערקענט דיך ניט.
און (ווי איך האָב 1916 אין אַ ליד געזאָגט):
דו רעדסט אַזוינע רייד, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט גערעדט,
דו זעסט אַזוינס, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געזען,
און אַלץ צו וואָס דו רירסט זיך צו איז וואונדער,
באמת וואונדער.



## מיט וויפיל טרויער...

מיט וויפיל טרויער קוקן פרויען־אויגן.
אויף זייערע רייצנדע און רונדע גלידער
אַ פוילער נעפּל שטענדיק איז פאַרצויגן.

ניט איינמאָל גייסט אַוועק פון זיי אַ מידער,
דאָך איידער ס'שלאָגן דיינע לעצטע שטונדן
ניט איינמאָל וועסטו זיין ביי זיי נאָך ווידער.

דו ביסט צו זיי אויף אייביק צוגעבונדן,
ווייל אומפאַרגענגלעך, אייביק איז דער טרויער,
און ס'איז דיין בלוט מיט בענקשאַפט אָנגעצונדן,

און אָפּטמאָל לייכטן אין דיין וועלט דער גרויסער,
פון צוגעזאָגטן לאַנד די ווייטע זונען,
און ס'איז די פרוי צו יענעם לאַנד דער טויער —

אַז וואויל איז דעם, וואָס האָט דעם וועג געפונען.

# גלידער

אַ, וויפיל זאָגן אונז די גלידער פון א מענטשן! —
אַ האַנט, וואָס עמיץ לייגט אַזוי זיך אויף די קני,
אַ האַלז, אַן אקסל, וואָס דו האָסט באַגעגנט
אין רוישיקן קאפע, אין טראם, צי אין טעאטער.
ווי אָפטמאָל טרייסלען אויף דאָס הארץ אונז ליפּן,
וואָס קומען אונז אַנטקעגן אומגעריכטערהייט;
עס ריידן האָר און בייכער, ס׳רעדן בליקן
אַזוינס וואָס ווערטער קענען ניט!
ווי מאַכן ציטערן דאָס הארץ אונז פיסלעך,
די לייכטע פרויען פיס, וואָס שוועבן אָפט פאַרביי!
דאָך איך האָב ליב נאָר די וואָס זיינען גראָב און אומגעלומפּערט:
אָן גוטע פריינט, אָן אַלטע בריוו דערמאָנען זיי,
און אויך אָן דער, וואָס שענקט אונז אונזער לעבן.



# אין יולי מאָרגן

גלייך ווי ביים דאַוונען דעם בעל שמ׳ס געזיכט —
אין פריען יולי־מאָרגן שטראַלט די געגנט.
אַלץ טונקט זיך אין גאָלד און פיאָלעטן ליכט
און מיט א זוניקייט דיין ערשטן טראָט באַגעגנט.

די טאָכטער אויפן אַקסל. שפּאנסט און שפּאנסט.
און דיינע אויגן, זיי קוקן ניט, זיי שוועבן.
און פלוצים דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דייגעם אַנסט:
עס האָט א זין, אַ טיפן זין דיין לעבן.

די טאָכטער פלאַפּלט וואָס, דו גייסט און גייסט.
ס׳איז ליב אזוי אין גראָז אין טויאיקן דאָס שפּאַנען.
ס׳איז גוט אזוי, וואָס איטלעך גליד דיינס פילט און ווייסט:
ס׳איז אויף דער וועלט אי זין אי פרייד פאַראַנען.

# דער סטריקאָווער

(ר׳ וואָלף לאנדוי)

אין מיטן פון צימער וואָלף סטריקאָווער שטייט
און זאַפּט איין די לופט מיט זיין וואַכיקער נאָז,
אַ צוק איז פאַרגליווערט אין פּנים ביי אים —
אַזוי בלייבט צעשראָקן אין פעלד ווען א האָז.
אַ שמייכל א שווערער זיין פּנים צעקרימט,
דעם קין דריקט צוזאַמען די ביינִיקע האַנט,
פון צווישן די פינגער די באָרד שפּיצט ארויס,
און ס׳זעט אויס די האַנט ווי א האָריק געוואנט.

און פּלוצים דער קאָפּ גיט א וויי אין דער לופט,
דער פוס הויבט אָן שאַרן דעם וואַקסענעם דיל,
און ס׳עפנט זיך אויף ווי א קנאָספּ זיין געזיכט,
ווי קלאָר וואָלט געוואָרן אים אַלץ, וואָס ער וויל.
„אַ, גנאָד, אַ, מיין מוטער! ווי גוט איז ביי דיר!
אַ, חכמה! ווי ביסטו דעם הארץ מיינעם זיס!
דאָך זיסער פון גנאָד און פון חכמה איז מאַכט,
איז כח א שאַר צו טאָן אַלץ מיט די פיס!“



# די סטריקאָווער רביצן

די באָבע שפּאנט ארום א שטראַלנדיקע,
חן־גריבלעך חנ׳דלען זיך אין איר געזיכט.
און ס׳בלאַנקט דער טיש מיט פאָרצעליי און זילבער
און אין מאַסיווע לייכטער ברענען גראָבע ליכט.

מען האַלט זיך אַלץ אין גרייטן. ס׳איז דער ערשטער סדר.
מיר קינדער, אָבער, זיצן שוין ביים טיש פון לאַנג;
מיט לויכטנדיקע אויגלעך, וויגן מיט די פיסלעך,
עס סקריפּעט אונטער אונז די לאַנגע באַנק.

אין אַטלעס און אין פּערל גייט אַרויס די באָבע,
אַזוי ווי א שעמעוודיקע כלה קוקט זי אויס:
עס זיינען היינט צום ערשטן מאָל צוזאַמען
די קינדער און די אייניקלעך ביי איר אין הויז.

זי קוקט אויף אונז און קנעט די הענט אָן אויפהער,
און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך פאר פרייד,
און מיטאַמאָל אנטלויפט זי גאָר אינגאַנצן,
קומט באלד צוריק און טראָגט וואָס אין איר קלייד.

זי גיט אַ וואָרף. און אויפן טיש געפאלן
אודאי הונדערט כוסות זיינען מיטאַמאָל —
„איך וויל אייך, קינדער גאָלדענע, ניט ציילן“
קלינגט מיט דעם זילבער גלייך דער באבעס קול.

## ביים געזעגענען זיך מיט די באשיידענע „ה״ען און שטומע „ע״ס

אָ, „ה״ען! די פון אייך, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן
געלעבט ביי אונז א שטיל און באַשיידן לעבן,
וואָס האָבן קיינמאָל ניט צעשריען זייער עקזיסטענץ,
בלויז אָנען זיך געלאָזט!
און איר, איר שטענדיק אונטערשעצטע,
באַגלייטער וואונדערבאַרע, טרייע —
איר שטומע „ע״ס! איר, וואָס האָט געבראכט זיך פאַר אַ קרבן
כדי דאָס לעבן פון די נאָנטע אייערע ווייך צו מאכן! —
איר גייט פון אונז אַצינד אַוועק! ווער ווייס,
צי ניט אויף אייביק שוין.

אָ, איר ניט ערדישע, אומניצלעכע, ניט אידישלעכע וועזנס!
אין זייער אומשולד רייצנדיקע
אַלטע, גוטע מומעס!
איצט בלייבן בלויז ביי אונז פיליסטער פרייכנדיקע — קאָנסאנאנטן,
און ווייבלעך אָנגעבלאָזענע — וואָקאלן.

ווי טרויעריק וועט אָן אייך זיין ס׳לעבן אַלטע, גוטע מומעס!



## איך האָב געוואַרט און דו ביסט ניט געקומען

איך האָב געוואַרט און דו ביסט ניט געקומען,
און איך האָב זיך אויף דיר אַזוי גערייכט;
וואָס ביסטו יענעם אָוונט ניט געקומען?
איך האָב זיך דאָך אַזוי אויף דיר גערייכט.

איך האָב געהאַט פאַר דיר בלויז גוטע ווערטער,
און איטלעך וואָרט געווען איז פול מיט פרייד;
איצט ווידערהאָלן קען איך ניט די ווערטער,
ניטאָ אין זיי די אַלטע גוטע פרייד.

בלויז זייער דופט איז מיר ביז היינט פארבליבן,
און איז מיט מיר ווי אין די ערשטע טעג.
דער דופט, וואָס איז פון יענע רייד פארבליבן,
פאַרשפרייט זיך איבער אַלע מיינע טעג.

## מאַרקיזין באַטאַווים

פון מיינע דינע, פיינע לידער
שמעקט מיט טויט.
— ר. איזלאנד.

דער טויט האָט זיך צו מיר אין מיין בלוי־ווייסער רו
צום ערשטן מאָל ערשט לעצטע נאַכט באַוויזן;
ווען ביי דעם ברעג פון ים אַ ראַנדעוואו
האָב איך געהאַט מיט דער מאַרקיזין.

די אויגן מיינע קוקן האַלב פאַרליבט
און זיינען אויף איר נאַקן שטיין פאַרבליבן.
— מאַרקיזין איז פאר מיר אַ מאַנוסקריפּט,
וואָס איז פאַרמעקט און אָפּגעריבן.

מאַרקיזין לאַכט. איר הויט ווערט געלבלעך־מאַט,
און ס׳ווייט פון אירע נאַכגעביקע גלידער
אַט יענער רייצנדיקער אראָמאַט,
וואָס פילסט אין טויט און אויך אין מיינע לידער.



## ברויט און וואַסער

און דער באַגין הויבט אויף די ברעמען:
צוויי שווערע לאָדן גרויען בליי,
און בלייאיק וועט ער זיך פאַרנעמען
און גיין די גרויסע שטאָט פאַרביי.

האַרט ביי אַ וואַלד וועט ער זיך שטעלן
און בלייבן ברוגז וועט ער דאָ;
און וויטער וועט א לעבן העלן
און ראַזיקן זיך וואָס א שעה.

ווי ברויט און וואַסער נעמט דערפרישן
דער אויפגעוואַכטער אינדערפרי.
לאם! עס וויל מיין האַרץ פאַרווישן
די הייסע קיש פון דיינע קני.

נאָר וואָס צוקט היינט אַזוי דיין שמייכל
און ס׳גריבלט פון דיין לינקער באַק!
דו ביסט, ווי אַ צייטיקער עפּל,
פולבלוטיק און געשמאַק.

דיין לייב, ווי אַ פינצטערער אָפּריס,
ציט און פארכישופט און רייצט!
קוים וואָס איך שטיי אויף די פיס נאָך —
מיך האָט דיין אָטעם פאַרפלייצט.

## 5

דאָס האָט געמיינט: איר זאָלט פאַרווישן
פון אויגן בענקענדע דעם ווײ.
דאָס האָט געמיינט: אויף יעדן קישן
געפינען זאָל זיך קעפּלעך צוויי.

## 6

האָט איר כאַטש אויסגעפּאָלגט מיך, ברידער,
האָט איר זיך צוגעהערט צומאָל?
אָ, ווײ! דער דופט פון מיינע לידער
פאַרוויעט, פאַרגייט אָן ווידערקול!

## 7

און ליפּן בלייכע און גערוזשטע
אומזיסט זיך בעטן: נעם און עס!
מיך שרעקן ליפּן ניט געקושטע
ווי אויגן אָפענע ביים מת.

## 8

דעקט אויגן צו וואָס קוקן, קוקן,
און בלייבן שטום, פאַרגלייזט און בלינד.
און אויב אומזיסט וואו ליפּן צוקן —
איז ווײ צו יענעם דור און ווינד.

## 9

קושט ווערטער פון דאָסניי און ווידער,
דאָס וואָרט ווי ליפּן רייצט און רופט. —
פון וואָרט ווערט טאַט, פון טאַטן — לידער,
און ס'ליד ווערט אויפגעלייזט אין דופט.



# איך בין דער מאַן פון ליד

איך בין אין גאַנץ געגאַנגען
און גאָרנישט ניט געזען,
ווי ס'וואָלט פאַר מיינע אויגן
אַ גרויע וואַנט געווען.

ס'איז ניט קיין וואַנט געוועזן,
דער וועג געווען איז פריי.
נאָר גאַס און לייט און הייזער
גיי איך כמעט פאַרביי.

ס'איז ניט געוועזן טרויער
וואָס האָט מיין ליכט פאַרשטעלט.
אין טיפעניש פון האַרצן
אַ קוואַל האָט אויפגעקוועלט.

און וואָס איך האָב פאַרנומען,
און וואָס איך האָב געהערט, —
צו הערן און פאַרנעמען
איז מיר געווען באַשערט.

מיין בלוט אַ שטראָם אַ טיפער,
אַ פאָדעם אָן אַ קנופּ,
איז איינס פאַר טויזנט דורות
אי פאַר אי נאָך מיין גרוב.

כ'האָב נאָך איך וואָס צו זאָגן,
נאָר זאָגן וועל איך ניט.
איר זייט די לייט פון מעשים,
איך בין דער מאַן פון ליד.

## אויב קריג איז קריג

אויב קריג איז קריג, פאַרוואָס קלינגט ווי אַ תפילה,
פאַרוואָס איז ווי דער מוטערס ווערטער טייער
די בשורה, ווען עס זיגן ענגלאַנדס וואָפן,
די בשורה, וואָס באַגלייט פון בלוט איז און פון פייער ?

אויב בלוט איז בלוט, ווי קענען מיר נאָך לעבן,
ווען ס׳טרינקט די וועלט אין בלוט זיך און אין טרערן ?
פאַרוואָס אויף דייטשן באָדן אַליאירטע וואָפן
ווילסט ליבערשט ווי משיח׳ס שופר הערן ?

אויב אַלץ איז איינס, פאַרוואָס ווערט ס׳האַרץ פאַרציטערט
בלויז ביים געדאַנק, אַז ס׳זיגן דייטשע וואָפן ?
אויב אַלץ איז איינס, דאָך ווילסטו ניט דערלעבן
די שעה, ווען דייטשלאַנד וועט די וועלט פאַרשקלאָפן !

יאָ, קריג איז קריג און בלוט איז בלוט מסתמא,
דאָך זיינען אַלע אמת׳ן אַ ליגן
אין אָנגעזיכט פון זיג, וואָס וועט באַלד קומען,
ווען דייטשלאַנד וועט פאַר אונז צעשמעטערט ליגן !



19

## און דיסקוטירנדיק ביים טיש ...

און דיסקוטירנדיק אין דער קאַפע ביים טיש
די ראָלע, וואָס עס שפילן אינם קריג די עראָפּלאַנען,
די טענקס, די סאָבמאַרינען און די לאַגע פונם טערק,
און ס׳אַראַ ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען,
האָב איך אין היץ פון דער דיסקוסיע דערפילט
ווי ס׳קוקן מילד און ווייך אויף מיר די אויגן דיינע.
כ׳האָב אומגעדרייט צו דיר מיין קאָפּ און כ׳האָב דערזען
אין זיי אַ גלאַנץ, וואָס איך וועל ניט פאַרגעסן !
און קלאָר געוואָרן איז מיר מיט אַמאָל,
אַז ס׳פליען הויך די עראָפּלאַנען,
אַז ס׳שווימען טיף די סאָבמאַרינען,
אַז ס׳זיינען ווירקזאַם טענקס, ווי אַלץ וואָס ענגלאַנד טוט,
אַז סוף־כל־סוף וועט עפּעס ווערן מיטן טערק,
אַז ענדערונגען וועלן זיין אויף די באַלקאַנען, —
נאָר וואָס וועט זיין מיט מיר,
מיט מיר און דיר —
מיט אונז ?

– אַ ווינקל פון דיין מויל אַן אויפהער האָט געצוקט,
האָסטו געפילט דאָס זעלביקע וואָס איך ?



1918